**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף פארפלייצונג שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט אין טאון אָוו קלעיטאן דזשעפערסאן קאונטי**

***4 מיליאן דאלאר צו סטאביליזירן ברעגע לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער און באשיצן פאפולערע פובליק אינפראסטרוקטור, צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט***

***טייל פון ניו יארק סטעיט'ס 300 מיליאן דאלארדיגע באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אינציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף א פארפלייצונג שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט אין די טאון אָוו קלעיטאן, דזשעפערסאן קאונטי. דער פראיעקט איז געשאנקען געווארן 4 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג דורך די סטעיט'ס לעיק אָנטאַריאָ באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אינציאטיוו ( Resiliency and Economic Development Initiative, REDI) און איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט וועט דאס העלפן פארקלענערן די סכנות פון צוקונפטיגע צייטן פון הויכע וואסער שטאפלען און עס וועט פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון די ברעגע אין א פאפולערע טוריסט ארט.

"מיר זענען פארפליכטעט צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע וועלן פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט און פארמיידן צוקונפטיגע שאדנס פון עקסטרעמע וועטערן אין אונזערע קאמיוניטיס לענגאויס די ברעגעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט אין די טאון אָוו קלעיטאן וועט מאכן קריטישע פארריכטונגען צו טייערע פובליק אינפראסטרוקטור און עס וועט פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון די ברעגע צו העלפן באשיצן ביזנעסער און איינוואוינער און פארמערן פובליק זיכערהייט. פארבעסערטע אינפראסטרוקטור איז קריטיש צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און זיכערהייט, און עס רוקט פאראויס אונזערע באמיאונגען צו צוריקבויען שטערקער און פארשטערקערן די עקאנאמיע פאר די צוקונפט."

אין 2019 האט די סעינט לאורענס ריווער געהאט רעקארד-הויכע וואסער שטאפלען וועלכע האבן פאראורזאכט שרעקליכע פארפלייצונגען דורכאויס קאמיוניטיס לענגאויס די טייך'ס ברעגע. די געשעענישן האבן פאראורזאכט שאדנס צו פובליק אינפראסטראקטור און באגרעניצט פובליק באנוץ מיט טוריסט דעסטינאציעס ווי די אויסגעפלאסטערטע וועג לענגאויס די טייך (די 'ריווערוואָלק') און די Clayton Harbor Municipal Marina שיף פארט, האבנדיג א נעגאטיווע השפעה אויף פובליק זיכערהייט און אויף לאקאלע עקאנאמיעס.

די טאון אָוו קלעיטאן ריווערוואָלק און די Clayton Harbor Municipal Marina פארט זענען א קריטישע חלק פון קלעיטאן'ס ברעגע עקאנאמיע, און זיי נעמען אריין אומגעפער 1,250 פיס פון די סעינט לאורענס ריווער ברעגע. כסדר'דיגע ווינטן און כוואליעס, צוזאמען מיט די הויכע וואסער שטאפלען אין די ראיאן,

האבן פאראורזאכט חלקים פון די ברעגע צו געשעדיגט ווערן. אפגעשווענקענע זאמד האט געפירט צו מערערע גרובער אויף די ברעגע. די נאכפאלגנדע אומסטאבליטעט און שאדנס שטעלן די פובליק אינפראסטרוקטור אין סכנה.

כדי צו פארקלענערן די סכנות פון צוקונפטיגע שאדנס צו די ברעגע און פובליק זיכערהייט זארגן, וועט דער פראיעקט פארערכטן און פארשטערקערן 480 פיס פון די ברעגע, צווישן פרינק פארק און די Clayton Harbor Municipal Marina פארט, גיבנדיג שוץ סיי פאר די ריווערוואָלק און סיי פאר די Harbor Hotel. ארבעט רעכנט אריין:

- אינסטאלאציע פון 'שיט פייל' ווענט צו מינימיזירן צוקונפטיגע אפשווענקונג פון די ברעגע;
- פארערכטונגען צו די ריווערוואָלק לענגאויס די דעזיגנירטע חלק פון די ברעגע; און
- אינסטאלאציע פון 'רעגן גערטנער' צו פארבעסערן די קוואליטעט פון די וואסער.

די טאון איז געשאנקען געווארן מער פון 4.6 מיליאן דאלאר דורך די REDI קאמיסיע פאר א סך הכל פון דריי פראיעקטן. דער ערשטער שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט צו באקומען געלט – די 'Upper Landing אויף גרינדסטאָון איילענד שיף ראמפע פארבעסערונגען' – האט אנגעהויבן קאנסטרוקציע אין 2022 און די ארבעט גייט נאך אן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און REDI קאמיסיע פארזיצער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "דער REDI פראגראם זעצט פאר צו פארשטערקערן די סטעיט'ס שטאנדהאפטיגקייט קעגן עקסטרעמע פארפלייצונגען און וועטערן. מיט גאווערנער קעטי האקול'ס אנטשיידענע שטיצע, שטופט ניו יארק סטעיט פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, עס היט אויף די פובליק געזונטהייט, היט אפ וואוינונג ערטער פון ווילדע באשעפענישן און באשיצט די ברעגעס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו הויכע וואסער שטאפלען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער. דער ריווערוואָלק און Clayton Harbor Municipal Marina פראיעקט איז בלויז נאך א ביישפיל פון די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז די ראיאן איז גרייט פאר צוקונפטיגע קלימאט טויש-געטריבענע געשעענישן."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז גאר וויכטיג צו באשיצן די טאון אָוו קלעיטאן און די ארומיגע ראיאן קעגן צוקונפטיגע פארפלייצונגען. מיר זענען גאר באגייסטערט צו זעהן אז נאך פארזיכטיגע פלאנירונג וועט די 3 מיליאן דאלארדיגע גרענט שטיצן א נייער ברעגע שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט צו פארקלענערן די סכנות פון הויכע וואסער שטאפלען אין די סעינט לאורענס ריווער. צוטריט פון די פובליק צו די ברעגע וועט אנגעהאלטן ווערן, א קריטישע זאך ביים אנטוויקלען די ריווערוואָלק און Clayton Harbor Municipal Marina צו ווערן פאפולערע פארוויילונג דעסטינאציעס. די טאון אָוו קלעיטאן איז געווען א געוואלדיגע שותף מיט די סטעיט דעפּארטמענט, און דאס איז בלויז נאך איין ביישפיל פון זייער פארפליכטונג צו לאנג-טערמיניגע באפעסטיגונג און צו שטאנדהאפטיגע ברעגע עקאנאמישע אנטוויקלונג."

**סטעיט סענאטאר מארק וואַלטשיק האט געזאגט,** "קלעיטאן האט געזעהן הצלחות מיט פאריגע REDI פראיעקטן וועלכע האבן פארשטערקערט די קאמיוניטי און פארגעשטעלט די רייכע היסטאריע וואס עס האט צו אפפערן. פארערכטן די ריווערוואָלק, באפעסטיגן די ברעגע און אונטערנעמען די נויטיגע שריט צו פארמיידן ווייטערע שאדנס איז א געווינס פאר קלעיטאן און דזשעפערסאן קאונטי."

**אסעמבלי מיטגליד סקאט גרעי האט געזאגט,** "די ריווערוואלק איז א קריטישע חלק פון די צוציהענדע כוח פון קלעיטאן'ס שטאט-צענטער. עס איז א פלאץ פאר א פאנאראמישע שפאציר לענגאויס די טייך, און

אזוי אויך גיבט עס א געלעגנהייט פאר שיפלער צו אנקערן און געניסן פון די ארטיגע איינריכטונגען. די שטאנדהאפטיגקייט פון ריווערוואָלק איז קריטיש פאר די הצלחה פון קלעיטאן'ס טוריזם אינדוסטריע."

**דזשעפערסאן קאונטי טשעירמאן וויליאם דזשאנסאן האט געזאגט,** "די ריווערוואָלק פארערכטונגען און ברעגע סטאביליזאציע זענען וויכטיגע פראיעקטן, נישט נאר פאר די טאון אָוו קלעיטאן נאר אויך פאר די גאנצע 'טויזנט אינזלען' ראיאן. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די REDI קאמיסיע פאר זייער אנגייענדע שטיצע און איבערגעגעבנקייט צו בויען שטאנדהאפטיגקייט אין דזשעפערסאן קאונטי."

**טאון אָוו קלעיטאן סופערווייזאר לענס פיטערסאן האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו זעהן די פיל-ערווארטעטע פאררעכטונגען און סטאביליזאציע פון די ברעגע לענגאויס די ריווערוואָלק און ביי די האטעל אנהויבנדיג די ארבעט. די טאון'ס שותפות מיט ניו יארק סטעיט און מיט די REDI קאמיסיע איז געווען אומשאצבאר, אזוי ווי מיר האבן אלע געארבעט צוזאמען אין די ריכטונג פון אונזער געמיינזאמע ציהל צו איבערבויען די טאון צו זיין באפעסטיגט קעגן עקסטרעמע וועטערן און פארפלייצונגען."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-פינאנצירטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגס, אריינרעכענענדיג 33 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 46 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 55 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט [דא](#).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן